YPA 265551
E Bd
1934-36

פעדער־זאַמלשריפט

# די פֿעדער

## חודש-זשורנאַל

פאַר ליטעראַטור, קונסט און קולטור-
געזעלשאַפטלעכע פראַגן

7940
144-2

האַרבסט 1934

פרייז 25 סענט

HARVARD COLLEGE
AUG 28 1936
LIBRARY
Gift of
Louis Bamberger

**DIE FEDER—The Pen**

*MONTHLY JOURNAL FOR LITERATURE, ART AND CRITICISM*

Published by a Group of Poets

Edited and managed by AARON CARLIN

SUBSCRIPTION RATES: ONE YEAR $3.00 SINGLE COPY 25 CENTS

220 East Eleventh Street, New York, N. Y.

**AUTUMN, 1934** ESTABLISHED MAY, 1919 **VOL. XV.**

# אינהאלט

דר. חיים זשיטלאָווסקי ............ **אידיש אין ארץ ישראל**
אברהם רייזען ............ **נייע לידער**
מלך ראַוויטש ............ **ניט דערגעדט זיך — אפשר וועט זיך דאָס דערשרייבן**
יעקב גלאַנץ ............ **פיר לידער**
שלום כץ ............ **סילועטן** (דערציילונג)
ראָזאַ נעוואַדאָווסקאַ ............ **איבער אויסגעפוצטע גאַסן** (ליד)
א. פ. פערלמוטער ............ **פיר לידער**
משה וויטיעס ............ **אָריגינאַליטעט** (עסיי)
מלך ראַוויטש ............ **טאפעטונא נאהאלאוואו**
אַריה פאָזי ............ **די זאַווערוכע** (דראַמע)
ב. גראָבאַרד ............ **דער היכטער פון גרויסשטאָט**
מ. י. חאַימאָוויטש ............ **אריזאָנא** (געזאנג פון הארבסט)
מ. פערלמוטער ............ **צו אַ פריינט** (ליד)
י. א. בענעקוויט ............ **איציקעל קלעזמער** (דערציילונג)
פנחס יאַסינאָווסקי ... **סימפאָנישע פּאָעמע איבער בעטהאָווענס פינפטער סימפאָניע**
משה וויטיעס ............ **אהרן קארלין** (אָפּשאַצונג)
פ. גודמאַן ............ **צוויי לידער**
מאקס מילטאָן ............ **אויפן מאָן־פארנאס** (דערציילונג)
ס. מאכלין ............ **דריי לידער**
ל. וואָראָטיצקי ............ **צוויי לידער**
מאקס מילטאָן ............ **ליד**
א. ארמבאנד ............ **דיכטונג און וואַרהייט** (עסיי)
דר. א. אייסען ............ **שעקספיר'ס צוויי סאָנעטן**
אהרן קארלין ............ **„די ראָב" פון עדגאר עלען פּאָע**
אבא גאָרדין ............ **מ. לוצקי דער פילאָזאָף פון דיאלעקטישן מאָניזם**
אברהם רייזען ............ **ליטעראַרישע רעוויו**
וואָס אונז געפעלט אין צייטונגען און זשורנאלן פון דער
גאָרער וועלט: איציק מאנגער, ב. טוטשינסקי, שלמה
סוסקאוויטש, ה. לייוויק, דר. ישראל וו. מארקום.
א. קארלין ............ **וועגן עטלאכע נייע זשורנאלן**
אָפּקלאנגען (רעדאקציאָנעלע נאָטיצן, ליטעראַרישע נייס).
ביכער דערהאלטן אין רעדאקציע, אונזער ליטעראַרישע
פרעסע, א בריוו צו שלום כ"ץ וועגן דער „פעדער",
מלך ראוויטש וועגן א. לוצקי (א רעדע), אדווערטייז־
מענט וועגן ביכער.

Posy-Rosenbloom-Shoulson Press, Inc., 19 West 21st St., New York 234

אבא גאָרדין

# א. לוצקי דער פּאָעט־פילאָסאָף פון דיאַלעקטישן מאניזם

א טייל פון א גרעסערער אפהאנדלונג וועגן א. לוצקים בוך לידער
(„בראשית־אינמיטן", .. פּאָעטישע פילאָזאָפיע איבער ווערן און צעשטערן)

1.

איידער איך האָב אָנגעפאנגען צו לייענען א. לוצקי'ס „בראשית־אינמיטן", האָב איך מורא געהאט אז דער נאָמען איז מער ניט ווי טשיקאוועשקייט כדי צו צוציען דעם לייענער, און פּטור אבי אים פארנארט צו לייענען.

אָבער נאָכ'ן לייענען „בראשית־אינמיטן", האָב איך איינגעזען אז דער נאָמען איז ניט אזוי סתם זיך ארויפגעזעצט, נאָר עס איז אן ארויסוואוקס פון גוף פון ספר. „בראשית־אינמיטן" איז די קווינטעסענציע פון דער סיסטעם אף וועלכן דאָס ווערק איז געבויט.

איך האָב גענומען לייענען א. לוצקי'ס ספר־בראשית און זיך גע'חדוש'ט, ווייטער געלייענט און זיך געוואונדערט, נאָך ווייטער געלייענט און שוין כמעט נשתומם געוואָרן. פון וואנענט נעמט זיך עס? איך האָב זיך אויף דעם ניט גערעכט.

דער אבן־עזרא זאָגט: יש מהם כמשי דקים ויש מהם עבים כשקים, אנדערע ווערק זיינען דין ווי זייד און אנדערע זיינען גראָב ווי זעק. די מעשה איז אבער, אז די זיידענע ווערק ווערן בטל באוף אין די זעק. און אויב עס האלט אזוי מיט ביכער, איז א פשיטא שוין מיט לידער. ניין־צענטל פון זיי טויגן ניט — אין יעדער ליטעראטור, ניט נאָר אין אידיש. זיי פערזיפיצירן, מוזיצירן, דעקלאמירן, אָבער זייער ווייניק זיינען באמת דיכטער.

בנוגע די דיכטער וואָלט איך זאָגן, אז דער גרעסטער טייל זייערער, איבערהויפּט, פון די עלטערע, האָבן געמיינט, אז זיי דיכטן ווען זיי האָבן באקלאָגט דעם אידישן שיקזאל, די שווערע מערכה פון אידישן פאָלק, בשעת, באמת, האָבן זיי באַאיקעט און באוויינט זייער אייגענע פּאָעטישע אָרעמקייט. זיי האָבן גערופען, גערודערט, געגוואלדעוועט, געבלאָזן די האָרנס, גע־וועקט צום נייעם „לעבודת הבורא"—דעם קלאסןקאמף, אלץ ענינים וואָס האָבן מיט „ריינער פּאָעזיע" א קנאפּע קרובה'שאפט און דעריבער האָבן זיי גע'מגיד'עוועט. איך מיין ניט דוקא די אידישע מוסר און נבואה־זאָגער, איך מיין טאקע די גויאישע אויך. און צו דער קאטעגאָריע פון „פייקלער" געהערן די נעקראסאָוו'ס, די בייראָנס און, אין ס'רוב פון זיינע פּאָעמעס, אפילו אזא מייסטערשע פיגור ווי וואָלט וויטמאַן און אנדערע גדולים.

בלייבט, הייסט עס, א מעט שבמעט, אן אויסגעזיפּטע מינדערהייט, מ'קען זיי אויף די פינגער איבערציילען, די דיכטער וואָס פארדינען כשר זייער נאָמען.

און, ווי געזאָגט, האָט מיך איבערראשט א. לוצקי'ס בוך לידער „בראשית־אינמיטן".

דאָ גאנצע ווערק איז אן ארייַנפיר, וואוהין? אן ארייַנפיר אין א פיר.

„אומעטום איז אויבנאָן.
דער ברעג פון ים — איז די שוועל פון יבשה.
אלעמאָל — אינמיטן־צייט.
אומעטום — אינמיטן־ווייט.
נאָכאַנאַנד — אינמיטן־דאָ.
אייביקייט — אינמיטן־שעה.
אלעמאָל בראשית".
(א לוצקי. בראשית, ז. 186)

לויטן שטייגער פון כסדר.
לויטן סדר נאָך פון איידער.
לויטן סיידער נאָך פון איידער־איידער.
(א. לוצקי. בראשית, ז. 36)

א. לוצקי שאפט א פּאָעטישן „יש" פון א פּאָעטישן „אין" און א גאנצע וועלט טויכט אויף

פון דער טיפעניש פון א נשמה, פון זיין נשמה.

א. לוצקי גייט צום ערשטן קוואל, דאס הייסט, צו זיך אליין, צו זיין אייגענער שטימונג און איבערלעבונג.

א. לוצקי נוצט זיין אייגענעם שכל, ער בויט זיין אייגענעם היכל און ער רעדט זיין אייגן לשון. ער וויינט מיט די טראפנס־רעגן און פרייט זיך מיט די זונען שטראלן.

א. לוצקי ווערט ניט קליין ביי זיך פון דאס גרעסטע און גרויסט זיך ניט איבער דאס קלענס־טע. א גרעזעלע, א העזעלע,, א פליגעלע, א מו־ראשקעלע, א מילבעלע — אלץ איז פאר אים א היינט, ער ווייס אז אויף אלץ רוט די שכינה, און פון אלץ רעדט ארויס דעם מענטשנ'ס חיי־ליקער גייסט, אז אלץ איז באשאפן געווארן בצלם־האדם, אין מענטשנ'ס פורעם, און נאך זיין גלייכעניש.

די חסידים האבן א שיין ווערטל: דו האסט געלערנט די תורה, אבער וואס האט די תורה דיר געלערנט? עס איז א קאלאמבור וואס שטיצט זיך אויפ'ן אידישן שם־הפעל לערנען און לערנען.

א. לוצקי'ס תורה איז ניט קיין אננעזופטע, אנגעכליאבעטע למדנות, עס איז ניט קיין בוך־בויך־זאך.

א. לוצקי האט א חוש פאר דער וועלט און דער חוש־אינסטינקט זיינער מאכט פון אים א פאעט־פילאזאף. א. לוצקי האט זיין אייגענעם צוגאנג צו זאכן. א. לוצקי איז ניט קיין אנטליענער, ניט קיין נעבארגטער, ניט אויף־פראקאט גענומענער. ער קוקט אויף דער וועלט ווי א קינד וואס עפנט אויף די אויגן און דערזעט וואס עס טוט זיך ארום אים. דערין ליגט זיין גרויס תמימות, פשטות, און דע־רין ליגט טאקע זיין קלוגשאפט.

וואס מיך האט גערייצט איז אויסצוגעפינען דעם שרש, די דערפארונג וואס האט א. לוצקי'ן געמאכט פאר א. לוצקי'ן. אן אמת'ער פאעט האט א צווייטע געבורט, (ווי דער הייליקער פאל דריקט זיך אויס) א פאעט מוז קודם־כל זיך אליין אי־בערשאפן, שאפן דעם שעפער און דערנאך קומען שוין ממילא, נאטירליכערווייזע, די באשעפעניש, — זיינע דיכטונגען. האט מיר דא באהילפיק געווען מיט אינפארמאציע אהרן קארלין, דער רע־דאקטאר פון דער „פעדער" און א. לוצקי'ס ערש־טער רעדאקטאר פון זיינע נייע לידער. א. לוצקי איז געלייטערט געווארן אין טיגל פון דער וועלט־מלחמה. דארט איז צושמאלצן געווארן זיין אלטער אדם. און פון דער צושמעלצעניש, פון ברוך־ווארג פון זיין אלטער פסיכאלאגיע, האט א. לוצקי אפגעפורעמט א נייעם איך, וואס רינגלט זיך ארום מיט א נייער וועלט, א נייער אויפפאסונג. די אויפבורונג, אויפברוויזונג האט פון אים געשאפן דעם פאעט פון „אחד".

מענטש וועט זיך דערזען אין אומעטום —
אזוי ווי גאט.
וועט וועלן מענטש — אריבער גאט.
אזוי ווי גאט אריבערן אחד.
ווי אחד — אריבער זיינע צען געבאט.
(א. לוצקי, בראשית ז. 59)

אין א. לוצקי'ס שאפונגען איז די פילאזאפיע ניט קיין קלאסיפיצירטע אקאדעמישע, נאר שטי־מונגס־קלוגשאפט. א. לוצקי, איז דער פאעט פון דיאלעקטישן מאניזם, אדער פון אידישן אחד'יזם. זיין גאנצע ווערק פאסט זיך אריין אין איין גרונט וואָרט: אחד.

---

לאמיר אקארשט נעמען לייענען און זען וואס א. לוצקי זאגט. מיר וועלן אים נאכפאלגן פון זייטל צו זייטל. נאכקלעטערן פון קאפיטל צו קא־פיטל ביז מיר'ן דערגרייכן דעם סאמע שפיץ פון בארג פון נבואה. מיר וועלן דורכמאכן א ווייטע נסיעה, פון בראשית ביז'ן אחרית, פון וועלט־שחרית ביז דער וועלט'ס קריעת־שמע, פון ערשטן אנהייב ביז'ן לעצטן טאג והיה באחרית הימים, „און עס וועט זיין אין די ענדע פון די טעג". פון בראשית וואס איז אינמיטן שפארן מיר אזש אן צום סוף וואס וועט א נייער אנהייב ווערן.

און וואס סע איז געווען —
געווארן אויס — צו ווערן ווידער. —
ווידער ענדער.
ווידער אנדער.
ווידער וואנדער.
ווידער וואונדער נאכאנאנדער.
מיטאנאנדער — דורכאנאנדער.
פון אן אנדער צו אן אנדער.
אנדערש.
(בראשית־אינמיטן פון א. לוצקי, ז. 218)

א. לוצקי׳ן שאַקירט דער געדאַנק פון אָנהויב און פון סוף. ער וויל דעם סוף ניט, סיי דעם גוטן און סיי דעם שלעכטן. און ער קען ניט פאַרדייען דעם אָנהויב. ווײַלע וואָלט אַן אָנהויב געווען, וואָלט דאָך אַן ענדע געמוזט נעמען. און ער מיט זיין פּאָעטיש־פילאָזאָפישן חוש פילט אז דאָס איז פאַלש, זיין אויג וויזט אַן אָנהויב פאַר׳ן אָנהויב און אַן ענד וואָס גייט נאָך אלדאָס ענדליכע. ער וויל ניט קיין אויסלאָז. דער דורשט נאָכ׳ן זיין, עקזיסטירן, האָווען, באַוועגן זיך, עוסק׳ן, פּועל׳ן, אָט די תאווה, און עקשנות צו דער זעלביקער צייט, הייסט אים זיין און זיין אַלע מאָל אינמיטן, שרייבן די וועלט־ליניעס און צירקלען און קייקעלאַך. דאָס גאַנצע זיין לויפט אין צירקלען אָן אָנהויבס און אָן סוף׳ן. נאָר יענע סוף׳ן זיינען באמת גוטע וועלכע האָבן קיין סוף ניט. זאָל זיך וועבן דער פאָדים פון דער קאָסמישער טויזנט־און־איין־נאַכט. און די לעצטע איין נאַכט איז דער אָנהויב פון צווייטן טויזנט, און אזוי כסדר, א. לוצקי אַנערקענט ניט דעם אלף פון שאַפונג און ניט דעם תיו.

דאָס אַלץ זאָגט עדות וועגן א. לוצקיס טיפן פיינעם און ברייטן גרייף. ער האָט א געשמאַק פאַר פילאָזאָפישער עסטעטיק. אין ברעז, אין צאַפּל, אין זיד, אין קאָך, אין דאָס אייביק דרייען זיך אין דער מעשה־מרכבה. אין דעם זעט ער דעם מענטשן, דעם „אידן" און זיין וועלט.

> ווידער צאַפּל,
> ווידער דראַפּל,
> ווידער כאַפּל,
> ווידער טאַפּל,
> ווידער קוואַפּל,
> ווידער פלאַפּל :

(דאָרטן ז. 140)

א. לוצקיס ווערק „בראשית" איז אַן אָנהויב פון אָנהייבן. דאָס ווערק באַשטייט ס׳רוב פון זאַצן פון וועלכע א. לוצקי וועט פאַרמירן גאַנצע ביכער פון פּאָעמעס. ער וועט זיין מצווה־על־פּי־הדבור, געצוואונגען פון דער מוזע פון אַנטוויקלונגס און שאַפונגס־מוז.

> א רגע שטילקייט אויפן פעלד —
> דערציילט מיר סודות פון דער וועלט.

(דאָרטן ז. 10)

„און ער האָט טאַקע שוין א בוך אויסגעגעבן נאָמען „די וועלט אויפן פעלד").

א רגע געבערט די שעה, פון שעה׳ן איז די אייביקייט. אָדער אפשר גאָר פאַרקערט, די אייביקייט צושיט זיך ווי א קאָמעטע, ווי א ראַקעטע, אין אַן אומצאָליקע צאָל רגע׳ס, פונקען פון דווער, אייגנבליקן פון צונד און לעש, פון אַצינד און תמיד.

> אייביק — איז פון רגעלאַך.
> א רגע־לע — איז אייביקייט.

(דאָרטן זייט 188)

און א גרויס סיסטעם און וועלט־פילן צוברעקלט זיך אין איינצלנע געדאַנקען און פערזן. און דערנאָך ווערט יעדער פערז, וואונק, וואָרט, פאַרבן־מיניע, קלאַנגען־פאַך, אַסאָנאַנסן־קלאַפּ צוריק צונויפגעשמאָלצן אין איין גרויס גאַנצעס.

---

סודות זיינען נאָר דערפאַר, אז מ׳זאָל זיי ניט האַלטן בסוד... און א פּאָעט ווי א. לוצקי קען ביי זיך קיין סוד זיכער ניט איינהאַלטן אפילו מיט צוואַנגען. און דערצו א סוד וואָס א „רגע־שטילקייט אפן פעלד" דערציילט. עס לאָזט אים ניט צורו, עס נויט אים, עס „מוזט" אים איבערדערציילן עס צו זיינע מיטמענטשן.

> שאַפן איז א מוז אין מיר — ווי זינד.
> אזוי ווי אימפּעט אין א ווינט.
> איך בין גלוסטיק אין מיין שרייבן —
> ווי אויף ווייב.
>
> איך ברי און גלי פאַנאַנדער —
> מיטן אויפבליץ פון דערזע.
> איך פיבער אויפן אויסדרוק —
> ווי דאָס פלאַטערן אין פאָרן.
> אַלע מיינע חושים קלאַמערן צום וואָרט —
> וואָס זאָל מיך זעטיקן.
> איך ווער צעפלאַמט מיט יעדער שורה —
> אַלעמאָל צום ערשטן מאָל.

עס איז אין מיר א מוז — צו מוזן מייסטערן.
—אזוי ווי זון — די בלעטעלאך אין בלום.
אזוי ווי ים — די שטיינדעלאך ביים ברעג.
(דארטן ז. 12)

ווי דריקט זיך אויס ירמיהו? „איך האב גע־מיינט איך וועל שטיל שווייגן, אבער, ניין, עס ברענט אין מיר ווי א פייער אין די ביינער." א מענטש גריזשעט ניט זיין גייסטיקן קנאכן ביחידות, פאררוקט ערגעץ אין א ווינקל. א מענטש טיילט זיך מיט זיין גייסטיקן, פסיכאלאגישן אדער לאגישן, עמאציאנעלן אדער אינטעלעקטועלן לעצטן ביסן. ער זעצט זיך ניט אליין צו דער סעודה, ער לאדעט איין אורחים, באקאנטע, פריינט, היימישע מענטשן „כל דכפין". א סוד מוז אנגעטרויט ווערן, מוז אריינגערוימט ווערן אין פרעמדע אויערן. און א. לוצקי נעמט די שטילקייט און די סודות און מאכט פון זיי א וויטערדיקן בוך פון פאעמעס. און אזוי באווייזט ער באשיינפערלאך אז זיין בראשית איז אן אנ־הייב וואס האלט זיך כסדר אין מיטן. הונדערטער זאצן אזעלכע געפינען צושפרייט איבער די זייט־לאך פון דעם ספר־בראשית וואס בעטן זיך צו ווערן אויסגעלאזט פון זייער שפריץ און בליץ און ווערן א טייך אדער א פלאם, ווערן א גאנצער בוך. ווייל זיי זיינען זאמען און וועלדער וועלן פון זיי דארפן ארויסוואקסן אויב די זון וועט שיינען אויף זיי און רעגנס וועלן פאלן.

אין שאפן, אין אויפטאן, אין מחדש־זיין ליגט די גבורה פון זינד.

שאפן איז א זינד? דער אפנייג פון דאס אנגענומענע, דער פארבייג פון דאס אנערקענטע, דער פארוואקס פון דאס איינגעפירטע, דער צע־ווארף פון דאס פון־קדמונים איינגעשטעלטע, דער אפטרייסל פון דעם הייליקן שטויב, דער צושאקל פון רוטינע פונדאמענטן.

טוגענד איז א פאלקס־וועג און ווייזע, א שליאך פון אויפפיר, א געזעלשאפטלעכער מנהג. זינד איז אן אויפברויך, אן אפוואך, א חצפה'די־קער קאפויר, אן עזות'דיק אנדערש, א דרייסטיק ניט־אזוי, א מוטיק פונקט־פארקערט.

די זעלביקע לייידנשאפט וואס שרפ'ט אין זינד, ברענט, פלאקערט, פלאמט אין שאפונג. אבער עס איז דא פארט אן אונטערשייד צווישן גראבע זינד און איידעלער זינד, וואס הייסט שאפן.

שאפן הייסט צוברעכן די וואזע פון פארמע מיט דער כוונה־אויסגעשפראכן אדער דווקא ניט אויסגעשפראכן, ס'רוב פארבאהאלט זיך עס בחדרי־חדרים, אבער עס איז דא אן אימאנענטע אבזיכט, — צו מאכן, אפגיסן, אפפורעמען א נייע וואזע, א שענערע, א בעסערע, א טייערערע.

שאפן צוברעכט א נארמע, און דער ברוך־ווארג, יעדער שערבל, יעדער פיצל ווערט א נאר־מעלע פאר זיך אליין, פון זיך אליין. אט די ברעק־לאך־קרושלאך באזיצן אזויפיל ווילנס־כוח, בא־צווינגונגס־קראפט אז מ'נעמט זיי גלייך נאכ־מאכן, נאכטאן, אימיטירן. און אזויערנאך ווערט דער אופבראך פון געזעץ א געזעץ, און דער חלול־הקדש ווערט אליין א קדש־קדשים, דער רעבל ווערט קיניג. אין אנדערע ווערטער, די עבירות פון שאפן ווערן מצוות, זיי ווערן פרעצעדענטן.

געטהע האט געזאגט, אז ער האט זיך דריי־סיק יאר באמיט צו פארגעסן די דייטשע גראמא־טיק. וואס ער האט באמת געטאן, ער האט זיך אין א משך פון דרייסיק יאר נאכאנאנד געלערנט זינ־דיקן קעגן דעם הייליקן און מחמיר'דיקן שלחן־ערוך פון זיין טוראנעשער שפראך. ער איז זיך מודה, אז אים איז ניט געגאנגען, אז ער איז גע־ווען קארג אין זיינע עבירות. ער פארענטפערט זיך מיט דעם, וואס „פארלערנען (פארגעסן) איז שווערער פון לערנען". מענטשן האבן מורא אראפ־צעווארפן די לאסט, ווי שווער זי זאל ניט זיין, ווייל טראגן פלייצעס אן א משא איז שווערער ווי צו טראגן שווערע משאות אויף די פלייצעס. און אויב דאס איז אמת בנוגע יחידים, איז עס אפשיטא שוין ריכטיק וואס איז שייך די ברייטערע שיכטן פון פאלק. די מאסן שלעפן כסדר משאות, אלטע צי נייע. זיי האבן מורא צו גיין מיט ליי־דיקן... און ניט־מורא האבן הייסט זינדיקן. ווייל וואס פאדערט גאט? דער אפגאט, דער טייוול? מ'זאל מורא האבן, זיך שרעקן. „יראה און יצירה" גראמען זיך גאנץ לייכט, אבער זיי זיינען די צוויי עקיקסטע קעגנזאצן. ווער עס האט מורא, ווער עס איז א פחדן, א טרוס איז ניט קיין שעפער, פארמאגט ניט קיין שעפערישע נאטור.

באשאַף איז איבעראש —
אנטפלעק.
יעדער באשאַף איז שרעק.
אפילו איבעראש פון פרייד — איז מורא.
יעדער ווערן — ווערט געבוירן מיט
א מורא —
מיט דער מורא,
וואָס האָט אויפגערודערט בראשית.
געפאר דערשרעקט און טרייסלט אויף
דעם מינדסטן מין.
א האָז,
א גראָז,
א וואָס־ניט־וואָס, —
דערשרעקט זיך פאר א בלאָז.
(דאָרט ז. 149)

דער האָז מעג זיך זיין א צווייפיסיקער, אָנגעטאָן אין א פעלץ, סורדוט, פאַדיאָוועס אָדער א פרינץ־אַלבערט, א ווייסע, שווארצע, ברוינע, רויטע העמדל. און דער בלאָז מוז ניט זיין דוקא פון דעם מויל פון ווינט, עס מעג זיין דער בלאָז פון ווארט, פון געזעץ, פון די מיילער פון די שכנים, פון די קריטיקער, פון די רעדל־פירער, פון די דעה־זאָגער, פון די מטבע־האָבער, פון די שאַלטער און וואַלטער. און די זאַך מוז ניט פּאַרקומען אין וועלדל אין פעלדל, עס טרעפט אין שטעטל, אין שטאָט, אין גאַס, אין שטוב, אין דער אקאַדעמיע פון קונסט פון וויסנשאַפט. אומעטום זיינען דאָ האָזן וואָס ציטערן פאר די בלאָזן און אומעטום זיינען פאראַן שעפער וואָס האָבן ניט קיין מורא און דערפאר שאַפן זיי.

די גרויסע שעפער זיינען אלע מאָל פאררעכנט געוואָרן פאר בעלי־עבירות. צו זינדיקן שעפעריש איז אַן ענין פאר גאונים. מיר זיינען פארשנורעוועט, פארבונדן, מיר — מיין איך אונדזער נשמה, אונדזער שטיקל נפש, אונדזער ביסל חיות. אונדזער גייסט, אונדזער נשמה, ווייזט ארויס זייער ווייניק לוסט צום זינדיקן, צום אָפּווייכן לינקס אָדער רעכטס, פון דער אָנגעצייכנטער ליניע, צי דאָס איז די פארטיי־ליניע, גרופּע־ליניע, פאָלקס־ליניע, מענטשהייט־ליניע.

— יעדער טראָפּן רעגן אויפן שויב
לאָזט זיך פירן אויף די וועגן
פון די פריערדיקע טראָפּן,
לויטן דרך פון בראשית:
אהין, וואו אלע יאָגן זיך, איז בעסער.
אין פאַל אפילו אונטערגיין —
איז היימלאכער צוזאמען ווי אליין.
(דאָרטן ז. 115)

---

העלעניזם איז קאָנסערוואַטיזם, שקלאַפעריי פון אימיטאַציע.

עס האָט פארקאָוועט אין קייטן דעם אייביקן רעבעל, דעם שטענדיקן פּראָמעטייאוס וואָס לעבט און די בלוטן, געהירן, פאַנטאַזיעס פון דער אייביק יונגער מענטשן־ראַסע.

העלעניזם האָט פארוואַנדלט אלץ אין שטייקער אייז. עס איז געוואָרן אלץ קאַלט און אַלט און סטאַטעטשנע, מיושב'דיק, לייטיש. און דער מענטשלעכער גאון ליגט אויפן קרייץ פון שטריינע פאָרמעס און הארבע נאָרמעס, און ליידט אזוי פאר די לעצטע פאָר טויזנטער יאָרן.

און ווען ניט דער פּראָפעטעשער אויפרודער, אויפברויז, אויפבורע וואָלט די ציוויליזירטע מענטשהייט אינגאַנצן פארגליווערט געוואָרן. אמת דער אויפקאָך און אויפזיד, אין דער פאָרמע פון אידנטום, און דערנאָך קריסטנטום האָט זיך צעשוימט און צובלעזעלט אויף א משונהדיקן אופן, אָפּט געוועזן ווילדלאַך, אָבער עס האָט פאָרט גענדינט, דינט און וועט אין דעם צעענדער — דינען אלס די „ראָשצינע", דער זויערטייג וואָס וועט אויפיירן און אויפגיין — דורך דעם טיפן גלויבן אין נס, אין דאָס וואונדערבארע, אין דאָס אומנאַטירלעכע, איבער־נאַטירלעכע, דעם גלויבן אין דער מעגלעכקייט איבערצושאפן די וועלט, איבערצואנדערשן די סדרי־בראשית — ווערט די מענטשהייט און די וועלט באַנייט.

אָן דעם נבואה'שן עלעמענט וואָלט די קולטור ווערן א שטייאיק וואסער.

דאָס באגרייפן אז די נאַטור אליין איז מער דורכאויס א גרויסער נס, א מופת, און נסים און מופתים וועלן קיינמאָל ניט אויפהערן צו צויבערן און כשופ'ן אין דעם גרויסן ארום, וואָס הייסט אייביקע לער, אייביקער תהו ובהו — נאָר דאָס קען אונדז נאָך אויפמונטערן, געבן אונדז צוריק

אונדזער כוח־גברא וואָס מיר האָבן געהאַט מיט טויזנטער יאָרן צוריק.

א. לוצקי פילט עס בחוש, ווייל ער איז דער עכטער איד, דער אמת'ער איד. „זיין אידישקייט איז אים אייגן ווי דער בליק פון זיינע אויגן.

נאָכאַנאַנדער אין פאַרוויסער.
יעדער טראָטעלע — אַן אוצר.
יעדער רגעילע — א יום־טוב.
יעדער שטיינדל — א בעל־שם־טוב.
יעדער שפּראָצל — א בעל־מופת.
יעדער פליערל — א נביא.
יעדער גייערל — אַ נסתר.
יעדער ווינטל — אַ שליח.
יעדער רעגנדל — משיח.
יעדער בליק — איז זיוו־השכינה.
יעדער ריר — איז וועלטיס א מינע.
יעדער איזיעלע — איז ספירה.
יעדער בריאהילע — איז בחירה.
יעדער זשומעלע — איז זמירה.
יעדער שאָקעלע — איז שירה.
יעדער שווייגעלע — איז יראה.
יעדער דמיון — איז יצירה.

א ראָמאַן אין יעדן וועטער. —
לויטער גאָטיכעס און געטער.
יעדער זיין איז ניי און וואונדער —
אלץ צוזאמען און באזונדער.
(דאָרטן ז. 18)

א. לוצקי רעדט דוקא ניט פון קיין אידן, נאָר פון דער וועלט. אבער די וועלט זעט ער מיט אי־דישע אויגן, ער פילט איר מיט אידישע חושים, מיטן זעלבן דערזע און באַנעם פון וועלכן עס איז געשאפן געוואָרן אין קדמונים דער ערשטער ספר בראשית.

